בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**אמור**

**ט"ז אייר תשפ"ג**

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:46 |
| מוצש"ק | 8:01 |
| ר"ת | 8:40 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:22 | סוז"ת א' | 9:47 |
| סוזק"ש ב' | 9:10 | סוז"ת ב' | 10:18 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס':
**כט**

## טיב הפרשה

# מבשרך אל תתעלם

אין די וואכנדיגע פרשה לערנען מיר וועגן די כהנים אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין צו א מת. די תוה"ק מאכט אן אויסנאם אז צו זיבן קרובים מעג מען זיך יא מטמא זיין. אין די תוה"ק ווערט אויסגערעכענט די זיבן קרובים אז זיי זענען א טאטע, א מאמע, א זון, א טאכטער, א ברודער, א שוועסטער און א ווייב.

די גמרא אין זבחים [ק ע"א] באטאנט אז צו די זיבן קרובים מוז מען זיך מטמא זיין און אז עס איז א מצוה אז מען זאל זיך מטמא זיין צו זיי. די גמרא דערציילט דארט אז עס איז געווען א מעשה מיט רבי יוסף הכהן אז זיין ווייב איז נפטר געווארן ערב פסח און רבי יוסף האט זיך נישט געוואלט מטמא זיין און מען האט אים געצווינגען אז ער זאל זיך מטמא זיין.

פון די גמרא זעט מען א מורא'דיגע יסוד. מען זעט אז טראץ וואס די תוה"ק זאגט אַן פארן כהן אז ער זאל זיך אפהיטן פון ווערן טמא און אז עס איז א הארבער איסור זיך צו מטמא זיין צו א מת איז עס אנדערש ווען עס רעדט זיך פון די משפחה, צו די משפחה איז דא א מצוה אז דער כהן זאל זיך מטמא זיין.

די נקודה איז זייער נוגע היינטיגע צייטן. אין די היינטיגע וועלט איז די נושא פון משפחה אביסל שוואכער. מען שפירט נישט אזא נאנטקייט. אבער ווען מען זעט וויאזוי די תורה שעצט עס פארשטייט מען די חשיבות פון דעם.

איך האב אמאל געהערט אז דער בריסקער רב זצוק"ל האט זייער שטארק מקפיד געווען אויף די נושא. ווען עס איז געווען א שמחה אין די משפחה, אפילו אביסל א ווייטערע משפחה און אויך אויב זיי האבן זיך נישט געציילט אויף די חרדי'שע קרייזן, נאר אויף די מזרחי'סטישע קרייזן האט ער זיך מטריח געווען און איז געגאנגען אנטיילנעמען אין די שמחה, ווייל מיט די משפחה דארף מען זיך האלטן.

דער געדאנק האב איך אויך געזען זייער שטארק ביי מיין טאטן זצ"ל. ווען עס איז געווען א משפחה שמחה אויך אויב די שמחה איז געווען פון ווייט אוועק און די משפחה איז נישט געווען אזוי פרום און אויך אויב איז

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### – ♦ וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם ♦ –

איז מעגליך צו זיין א ריכטער, אן צו גוט דורכלערנען אלע געזעצן? קען מען זיין א דאקטאר, אן פריער דורכלערנען די תורת הרפואה? אודאי נישט! ווייל די זאכן ווערן נישט געטון דורך געפיל, נאר לויט די כללים. און אויב וועט זיך איינער פירן פארקערט ווי די כללים, איז נישט נאר וועט ער נישט אויפטון, נאר ער וועט זייער מעגליך אויך שעדיגן און קאליע מאכן.

עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז מען קען מקיים זיין די מצוות אן צו לערנען די תורה, און אן גוט דורכטון די אנווייזונגען וויאזוי מען דארף מקיים זיין די מצוות. אויב ביי אנדערע זאכן זענען מיר מודה אז מען קען זיך נאר באשעפטיגן אין זיי אויב מען האט צום ערשט גוט דורכגעלערנט אלע זייערע איינצלהייטן, פארוואס מיינען מיר אז ביי קיום המצוות איז אנדערש, מעגליך איז עס ווייל עס זעט אונז אויס אז די מצוות ווערן געטון לויטן רגש, ח"ו?

זאגט די הייליגע תורה וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, און רש"י איז מפרש 'ושמרתם – זו המשנה, ועשיתם – זה המעשה', דאס הייסט אז עס זענען דא צוויי זאכן, די ערשטע זאך איז, אז דאס לערנען די תורה איז א חלק פון מקיים זיין די מצוות, און די צווייטע זאך, און דאס איז דאס וויכטיגסטע, אז עס איז נישט מעגליך אנצוקומען צו מקיים זיין די מצוות אויפן ריכטיגן שטייגער, אן צו לערנען די תורה און איבערהויפט די הלכות.

ווייל די תורה איז דער בוך פון די געזעצן, וואס דארט ווייזט מען אונז וויאזוי צו מקיים זיין אלע מצוות. און פונקט אזוי ווי מיר פארשטיין אז עס איז נישט מעגליך זיך צו באשעפטיגן אין קיין שום פאך אן צו פריער לערנען גרונטליך אלע אנווייזונגען און איינצלהייטן דערפון, איז דאך א קל וחומר בן בנו של קל וחומר אז עס איז נישט מעגליך געהעריג מקיים צו זיין די מצוות אן צו פריער לערנען אלע איינצלהייטן פון די הלכות. אזוי אז ווער עס לערנט עס נישט, זאל ער קלאר וויסן אז ער איז נישט מקיים די מצוות אזוי ווי עס דארף צו זיין.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז די סיבה פארוואס משיח פארזוימט זיך, דאס איז וויבאלד כאטש מען געבט אסאך צדקה און מען באשעפטיגט זיך אסאך אין די תורה, פונדעסטוועגן איז מען נישט מקפיד צו טון יעדער זאך לויט די איינצלהייטן פון די הלכה, נאר יעדער איינער פירט זיך אזוי ווי עס זעט אים אליין אויס, טוענדיג די מצוות לויט זיין אייגענעם געפיל.

אצינד, יעדע מצוה וואס קומט אונז אונטער, לאמיר זיך אנשטרענגען גוט דורכצולערנען אלע אירע איינצלהייטן און דקדוקים, און דורכדעם וועלן מיר אינגיכן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

געלויבט דער אויבערשטער, אז מיר האבן זוכה געווען אז ביי אונזערע חבורה האט מען מתקן געווען די תקנה אז מען זאל לערנען א בלאט הלכה יעדן טאג, און וואויל איז דער וואס געבט אכטונג דערויף.

(עפ"י טיב התורה-אמור)

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

עס געווען אויסערן שטאט האט ער זיך משתתף געווען ביי די שמחה.

ווען מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער איז זיך אזוי מטריח צו פארן צו זייער שמחה האט ער מיר איבערגעזאגט די ווערטער פון די גמרא אין מכות [כד ע"א] וחרפה לא נשא על קרובו, און די גמרא זאגט אויף דעם אז עס גייט ארויף אויף דער וואס איז מקרב זיינע קרובים.

ווי געזאגט איז דא דערביי א קענטליכע שוואכקייט ביי אסאך מענטשן. די שוואכקייט איז סיי אין אנטיילנעמען ביי די שמחות אין די משפחה און אויך מיטן טון חסד אין די משפחה. אסאך מאל וועט מען טון חסד מיט די גאנצע וועלט אבער פון זיין אזוי פארנומען מיט די גאנצע וועלט וועט מען פארגעסן פון די אייגענע משפחה און זיך נישט אפגעבן מיט זיי.

עס איז שוין ליידער געווען פעלער ווען אידן וואס זענען געווען פארנומען מיטן כלל און זיי האבן פארגעסן פון די משפחה, האבן שפעטער פארלוירן זייערע קינדער. די קינדער האבן נישט געוואלט ממשיך זיין מיט די מעשים פון זייערע עלטערן שפירנדיג אויף זיך דעם טעם פון ווערן פארגעסן דורך אנדערע.

מען האט אמאל גערעדט מיטן גערער רבי דער בית ישראל זי"ע איבער א געוויסער עסקן אז ער העלפט ארויס אנדערע אידן. די מקורבים האבן אים זייער משבח געווען אבער דער בית ישראל האט געוואלט וויסן וואס מען זאגט אויף אים אין שטוב, צי זיין בני בית איז אויך אזוי מרוגש איבער די מעשי החסד און צי זיי זאגן אויך אז ער איז א געוואלדיגער בעל חסד.

איך האב געזען א שרעקעדיגע זאך אין דער ספר נהורא דאורייתא, א איד וואס איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער בעל התניא זי"ע. ער שמועסט אויס אז מען זעט אז עס איז דא היינט אזויפיל חסד אויף די וועלט אבער דאך קומט נישט משיח? געבט ער צו פארשטיין אז דאס איז די סיבה, ווייל מען טוט טאקע חסד מיט אנדערע, אבער מען טוט נישט קיין חסד ווי די הלכה פאדערט, דהיינו אז מען געבט נישט קיין צדקה פאר די קרובים, כאטש זיי זענען די ערשטע, און פון זיי פארגעסט מען די ערשטע.

מען קען עס פארשטיין. עס איז ליידער א מציאות אז די נאנטע שעצן נישט די מעשי החסד וואס מען טוט מיט זיי. דער געבער שפירט נישט אז ער האט געטון א חסד מיט א איד ווייל דער וואס באקומט די חסד האלט אז עס קומט אים.

עס איז נישט קיין צווייפל ווען איינער געבט פאר א איד וואס שעצט זיין מעשי החסד און ער באדאנקט זיך פאר אים און באגיסט אים מיט ברכות, ווי ווען ער געבט פאר איינעם וואס שעצט בכלל נישט די מעשי החסד. אבער דאך דארף א איד וויסן אז ער דארף טון וואס ער איז מחויב צו טון און זיך נישט רעכענען מיט וואס יענער גייט זאגן און עס שעצן, ווייל די מצוה פון צדקה איז אסאך חשוב'ער ווען מען טוט עס אנדעם וואס יענער זאל עס שעצן.

אין די כלל גייט אויך אריין די צייט און מיה וואס עלטערן דארפן ארייןלייגן אין זייערע קינדער. אין די היינטיגע וועלט איז דער קשר מיט א קינד אויסטערליש חשוב און וויכטיג. דאס איז די שליסל צו קענען מגדל זיין ערליכע קינדער.

אסאך טאטעס שפירן ווי די כוחות וואס זיי לייגן אריין אין די קינדער גייט אויפן חשבון פון זייערע אייגענע צייט. אדאנק דעם יאגן זיי אן ווייניגער צו לערנען און צו דאווענען, אבער ער דארף וויסן צו שעצן די זאך, צו פארשטיין ווי וויכטיג עס איז און אז דאס העלפט צו פארן יוגנד.

מען דארף געדענקען דעם יסוד און עס איינ'חזר'ן אין זיך, און לאמיר האפן אז מיר וועלן זוכה זיין צו ערציען ערליכע אידישע דורות און זען נחת ביי די קינדער און אייניקלעך.

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א צווילינג מתנה

מיט געהויבענע און לעכטיגע געפילן האב איך זיך געגרייט צו די חאלאקע פון מיינע לעכטיגע צווילינג קינדער. אזוי ווי אזא זאך קומט נישט אונטער יעדן טאג האב איך באשלאסן אז איך גיי עס אויסנוצן ביזן ענדע. אין די טאג פון ל"ג בעומר בין איך ארומגעגאנגען צו אלע צדיקי הדור און זיי מכבד געווען אז זיי זאלן שערן די האר פון די קינדער און זיי געבן ברכת קדשם.

נישט אזוי גרינג איז אנגעקומען די אונטערנעמונג. נאך פון פריער האבן מיר זיך נאכגעפרעגט ווען דער רבי נעמט אן און ווען אנדערע נעמען אן, צו קענען זיין באצייטנס ביי יעדן איינעם. מיר האבן זיך אויסגערעכנט צו קענען אריינכאפן אסאך אבער ווען מיר זענען אנגעקומען צו איין רבי האבן מיר באמערקט אז מיר האבן געשפעטיגט מיט געציילטע מינוטן, די טירן זענען שוין געווען פארשלאסן.

מיר האבן נישט מוותר געווען און פרעגנדיג פון דעם גבאי ווען מיר זאלן צוריקקומען האט ער אונז געזאגט אז מיר זאלן זיך צוריקקערן אין א שעה ארום.

מיר וואלטן געקענט אויסווארטן א שעה אבער ווען עס רעדט זיך פון צוויי קינדער איז א שעה אסאך צייט. זיי האבן זיך שווערליך געקענט האלטן רואיג, און זוכנדיג וואס צו טון מיט זיי האט ביי אונז אויפגעבליצט דער געדאנק אז אזוי ווי די קבר פון שמעון הצדיק איז דא בשכינות לאמיר אהינגיין און אריינכאפן מתפלל צו זיין ביי דעם צדיק און זיך שערן דארט אז עס זאל זיין פאר אונז א זכות.

מיר האבן טאקע אזוי געטון. מיר זענען אהינגעגאנגען און די שמחה איז געווען גרויס. נאכן טאנצן איז צוגעקומען אן עלטערע פרוי און מיר א זאג געגעבן אז זי האט מיר אזוי נאכגעקוקט און געשיינט פון התרגשות.

"ביי מיין זון איז יעצט געבוירן געווארן א צווילינג יונגעלער. ווען איך זעה דיר טאנצן דא און איך זעה ווי שיין און ווי לעכטיג עס איז א צווילינג, ווער איך מרוגש צו טראכטן ווי אזוי עס גייט אויסזען ווען זיי גייען האלאקענען".

די פרוי האט אזוי דערציילט און מיטגעטיילט איר טיפע התרגשות און אזוי רעדנדיג פרעגט איר מיין ווייב, צי אפשר וועט איר זון וועלן 'ירש'נען' די צווילינג קליידער וואס זי האט, עס איז אזוי שיין און אזוי גוט.

ווען מיין ווייב האט עס פארגעשלאגן איז די פרוי געווען גערירט ביז טרערן. זי האט דערציילט אז איר זון איז א ביטערע ארעמאן און ממש יעצט האט זי מתפלל געווען ביי שמעון הצדיק אז הקב"ה זאל העלפן איר זון אז כאטשיג זאל ער האבן גוטע און נייע קליידער צו קענען אויסרישן די צווילינג און דא – נאך איידער זי האט פארלאזט דעם ארט איז שוין געקומען צו גיין די ישועה.

מיר האבן געזען מיט א קלארקייט ווי אזוי הקב"ה האט עס געפירט אין אזא וועג אז מיר זאלן שפעטיגן און אהערקומען אז די תפילה פון די פרוי זאל געהערט ווערן און אז זי זאל האבן קליידער פאר די צווילינג פון איר זון עס צו קענען אנטון.

[דערציילט דורך די בעל המעשה: י.ש.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספואלס אין פקס: 15326517922

# הילולא דבר יוחאי

**לכבוד "ל"ג בעומר" – דעם גרויסן יומא דהילולא פון דער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א, האבן מיר צוזאמגעקליבן אביסל פון די ספעציעלע "טיב המעשיות" פון רבינו שליט"א, בענינא דיומא**

עס האט מיר דערציילט הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, אז יונגערהייט האט ער אמאל זוכה געווען אנטיילצונעמען אין א נסיעה קיין מירון, אין שפיץ פונעם הייליגן צדיק הרה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצוק"ל, וואס פון די נסיעה ליגט נאך ביי אים אין זכרון עטליכע וואונדערליכע מעשיות, וואס ער האט אליין בייגעוואוינט, מיטהאלטנדיג די עבודת קדשו פונעם דערהויבענעם צדיק כמלאך אלקים.

און איינס פון זיי, איז איבערן וויכטיגקייט פון שלאפן!

אין יענע צייטן, מיט איבער זעכציג יאר צוריק, איז די וועג געווען א גרויסע מוטשעניש. די וועג פלעגט געדויערן לאנגע שעות, און מען האט זיך געדארפט פלאגן פאר שעות לאנג איבער די שווערע וועגן.

ווען מען איז שוין ענדליך אנגעקומען קיין מירון, איז יעדער איינער געווען מיד און אויסגעמוטשעט פונעם שווערן וועג. טראצדעם, פון גרויס שמחה אז מען האט שוין זוכה געווען אנצוקומען צום הייליגן תנא, און מיט געוואלדיגע בענקשאפט זיך אויסצוגיסן דאס הארץ ביים הייליגן ציון, איז יעדער אריינגעגאנגען אינעווייניג אינעם מערה, זיך אויסצוגיסן דאס הארץ, און נאר נאכדעם האט מען זיך גענומען מסדר זיין אלעס וואס מען האט געדארפט האבן, ווי עסן און טרינקען א.ד.ג.

אבער דער הייליגער רבי שלמה זי"ע, ווי מ'האט אים מיט ליבשאפט גערופן "רבי שלומקע", האט זיך אנדערש געפירט. ער איז נישט געלאפן גלייך צו מתפלל זיין ביים ציון אזוי ווי אלע אנדערע אידן, נאר צום ערשט האט ער זיך אויפגעזוכט עפעס אן אלטן מאטראץ, און האט עס דארט אוועקגעלייגט אין א זייטיגן ווינקל, און זיך אראפגעלייגט שלאפן, כדי זיך אביסל אפצורוען פונעם שווערן וועג, און זאמלען נייע כוחות.

דערנאך איז דער הייליגער רבי אויפגעשטאנען מיט א געוואלדיגן שטארקייט, זייענדיג פריש און מונטער, און זיך מטהר געווען בסילודין זיך טובל'נדיג אין מקוה, און דערנאך איז ער אריינגעגאנגען מיט גרויס ליבשאפט און פארכט און א הייליגן ציטער, צום הייליגן ציון, און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ מיט פארכטיגע תפילות און בקשות!

פון דא זעען מיר דעם געוואלדיגן חשיבות פון שלאפן, אז מען טאר עס נישט האלטן גרינג! און נישט אזוי ווי אסאך יונגווארג פירן זיך... און מען טאר חלילה נישט ארומגיין מיד און אויסגעמוטשעט, וויבאלד דאס צושטערט דעם מנוחת הנפש!

עס ווערט דערציילט אויף איינער פון די גדולי הצדיקים נ"ע פונעם פריערדיגן דור, וועלכער פלעגט זיך שטענדיג מאכן סיגופים מיטן שלאפן, און פלעגט אראפנעמען אסאך שעות פון זיין שלאף.

איינמאל האבן זיין הויזגעזינד מורא געהאט פאר זיין געזונט, און האבן אים נישט אויפגעוועקט אום האלבע נאכט אזוי ווי זיין פארלאנג, נאר מען האט אים געלאזט שלאפן לענגער, וויבאלד די משפחה האבן שטארק מורא געהאט אז אויב וועט ער נישט שלאפן גענוג קען עס חלילה שאדן פאר זיין הייליגן קערפער. די משפחה האבן שטארק אכטונג געגעבן אז עס זאל הערשן א הערמעטישער שטילקייט ארום דעם צדיק'ס צימער, און קיין שום זאך זאל אים נישט שטערן פון זיין שלאף, וויבאלד דער צדיק פלעגט שלאפן זייער לייכט, און פונעם קלענסטן גערויש פלעג ער זיך אויפוועקן.

עטליכע שעה שפעטער, האט זיך דער צדיק אליין אויפגעוועקט, און וויבאלד ער איז גוט געשלאפן איז זיין קערפער געווען שטארקער, אזוי אז ער האט געפילט עפעס אן אויסערגעווענליכער פרישקייט! זיין קאפ איז געווען מורא'דיג רואיג, און ער האט געפילט א געוואלדיגע מנוחת הנפש!

אזוי איז דער צדיק צוגעגאנגען צו די עבודה פונעם טאג, מיט א וואונדערליכע שמחה און קלארע מח, און אין דעם טאג האט ער געדאווענט מיט א מורא'דיגע התלהבות און שטארקע כוונה מיט מוחין דגדלות, כאטש דאס איז געווען א געווענליכן וואכנטאג!

נאכן דאווענען האט דער צדיק דערציילט פאר זיינע נאנטע, אז יעצט איז אים קלאר געווארן אז די מציאות ווייזט, אז דער וועג פון זיך גוט אויסרוען, איז בעסער ווי דאס פייניגן זיך מיטן שלאף!

פון דעמאלטס האט דער צדיק געטוישט זיין הייליגן דרך העבודה, און האט מער נישט גרינגעשעצט דאס שלאפן, נאר ער פלעגט שלאפן יעדן נאכט לויט וויפיל ער האט געדארפט.

[קונטרס "טיב המעשיות" ח"ד דף כ"ד]

-> • <-

מיין זיידע, דער באוואוסטער גאון צדיק רבי גמליאל הכהן רבינוביץ זצוק"ל, איז געווען א באוואוסטער ראש ישיבה אין די שטאט קישינעוו, וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר חשוב'ע בחורים.

דארט האט מיין זיידע געהאט א ספעציעלע חבורה פון די אויסדערוועלטע תלמידים, די אריות שבחבורה, און צווישן זיי האבן זיך גערעכנט דער ריבניצער רבי זצוק"ל, דער סקווירער רבי זצוק"ל, דער סקולענער זצוק"ל, רבי משה בטלן זצ"ל, און נאך ספעציעלע תלמידים וועלכע זענען געווען זייער דָבוּק אין אים.

מיט א צייט שפעטער, האט ער איבערגעלאזט זיין גאנצן גדולה און דערהויבענעם שטאנד, און איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, וויבאלד זיין נפש האט געלעכצט צו זיין אינעם פלטרין של מלך, נאנט צו די הייליגע שכינה.

ער האט זיך באזעצט אין די הייליגע שטאט צפת תבנה ותכונן במהרה, און דאס וואוינען אין ארץ ישראל איז אים אנגעקומען מיט שווערע יסורים, ווייל פון דעמאלטס און ווייטער האט ער געלעבט אין א שרעקליכן דחקות און ארימקייט, אבער טראצדעם איז ער אלעמאל געווען מלא שמחה אויף א געוואלדיגן אופן, פאר די געוואלדיגע זכיה וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, צו קומען וואוינען אינעם הייליגן לאנד, און זיך באזעצן דארט וואו די צדיקים און די מקובלים האבן זיך באזעצט, און ער האט דארט עטליכע מאל זוכה געווען צו גילוי אליהו.

האט מיר זיין איניקל, שאר-בשרי הרה"ח רבי דוד הכהן באטעלמאן זצ"ל דערציילט, אז איינמאל ווען דער גרויסער טאג ל"ג בעומר האט זיך דערנענטערט, האט מיין זיידע נישט געקענט אנטיילנעמען ביי די שמחה אין מירון צוזאמען מיט אלע אידן וואס נעמען זיך צוזאם אויפן ארט, האט ער געשיקט זיין איניקל, דער אויבנדערמאנטער ר' דוד, אז ער זאל ארויפגיין אויפן הייליגן ציון אין זיין שליחות, און ער זאל זאגן פאר רבי שמעון בר יוחאי זי"ע, אז וויבאלד דעם יאר קען ער נישט אנקומען צו אים אין מירון, דעריבער בעט ער שטארק ביי רבי שמעון, אז ער זאל קומען צו אים קיין צפת!!!

נאך האט מיר מיין פעטער – מיין טאטע'ס ברודער – דערציילט, אז אן אנדערע יאר, ווען ער איז נאך געווען א יונגל, האט ער זיך אמאל ארויסגעלאזט אין וועג צופיס, צוזאמען מיט זיין טאטע – מיין זיידע ווי פריערדערמאנט, וועלנדיג אנקומען קיין מירון. נאר זיי האבן געמאכט א טעות מיטן וועג, און עס האט זיך פארצויגן פאר לאנגע שעות! אזוי זענען זיי געגאנגען איבער די וועגן, און האבן נישט געקענט טרעפן די ריכטיגע וועג, נישט האבנדיג וועמען צו פרעגן וויאזוי צו גיין.

פלוצלונג, גייענדיג אינמיטן פוסטע וועלדער, האט זיך א פאסטוך באוויזן צו זיי, און אן צו רעדן א ווארט, איז ער צוגעגאנגען צו זיי, און האט זיי געוויזן מיטן פינגער דעם ריכטיגן וועג, און ער איז גלייך פארשוואונדן געווארן פון זייערע אויגן. זיי זענען ווייטער געגאנגען אין וועג, לויט זיינע אנווייזונגען, און זייער שנעל האבן זיי זיך געטראפן אין מירון!

ווען מיין פעטער האט געפרעגט זיין גרויסן טאטן זצוק"ל, ווער איז געווען דער פאסטוך וואס האט זיי געוויזן דעם וועג, האט ער אים גלייך געענטפערט: דאס איז נישט געווען קיין פשוט'ער פאסטוך! דאס איז אליהו הנביא!!!

[מתוך קובץ שיחות "פרטיות" דף ע"ח ודף קל"ח]

-> • <-

אן ענדליכע מעשה איז פארגעקומען מיטן באוואוסטן צדיק, מגדולי ירושלים של מעלה, מיטן נאמען "רבי אליהו מייזעס" זצוק"ל, וועמען איך האב נאך אליין זוכה געווען צו קענען. [דער רבי אליהו איז געווען זייער א דערהויבענער מענטש. זע נאך וועגן אים, אין ספר "טיב הקהילה", פרשת נצבים-וילך תשע"א].

איינמאל אין ל"ג בעומר, ווען רבי אליהו איז געווען ביים הייליגן ציון אין מירון, האט ער זיך שטארק אנגעשטרענגט מיט זיין הייליגע עבודה, צום ערשט מיט הארציגע תפילות ותחנונים מיט הייסע טרערן, אינעווייניג אינעם מערה, ממש אזוי ווי אום יום כיפור. און דערנאך, ארויסגייענדיג צום חצר פונעם מערה, האט ער זיך שטארק געפריידט, און געטאנצט מיט אלע כוחות, טאנצנדיג ווי אום שמחת תורה, גאר א לאנגע צייט, ביז כלות הנפש!

זיינע קינדער וואס זענען דארט געווען מיט אים, האבן

המשך אין עמוד ד' >|

# אשת חיל עטרת בעלה

**לעילוי נשמת הרבנית הצדקנית**

**מרת חנה הענא (רבינוביץ) ע"ה**

**בת הגה"ח רבי דוד הכהן בטלמן זצ"ל**

**אשת חבר בזיו"ש להגאון הגדול**

**רבי לוי הכהן רבינוביץ זצוק"ל**

**אביו של מורנו ורבינו שליט"א**

\- - -

**נלב"ע ביום שני י' אייר**

**זכתה לשמש את רבינו הגדול בעל מעדני השלחן זי"ע**

**כאשה כשירה במסירות ונאמנות נפלאה**

**ורב חלקה בתורת רבינו ועבודתו עד יומו האחרון**

**ת.נ.צ.ב.ה.**

געזארגט פאר זיין געזונט, וויבאלד ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, און האבן מורא געהאט אז דאס קען אים חלילה שאדן. האבן זיי אים אנגעהויבן בעטן, אז אפשר זאל ער שוין טראכטן פון אהיימפארן, אפשר האט מען שוין יוצא געווען מיט די עבודה פון מירון?

רבי אליהו האט אבער פון גארנישט געוואלט הערן! ער האט פארגעזעצט מיט די עבודת הקודש און מיט די פייערדיגע פלאקערדיגע טענץ, זייענדיג אינגאנצן דבוק מיט די הילולא קדישא דְּבַר יוֹחַאי. וויפיל זיינע קינדער האבן זיך פרובירט בעטן ביי אים, טענה'נדיג אז ער האט זיך שוין צופיל איבערגעשטרענגט, און עס איז שוין געקומען די צייט אהיימצוגיין, האט עס גארנישט געהאלפן!

ווען זיינע קינדער האבן געזען אז דער מצב איז שוין נאנט צו א סכנה, זענען זיי צוגעגאנגען בחרדת קודש צום באוואוסטן צימער פונעם הייליגן מקובל רבי אשר זעליג מרגליות זצוק"ל, וועלכער איז געזעצן פארטיפט אין סודות התורה אין זיין באשטימטן צימער אויפן העכערן שטאק איבער דעם הייליגן ציון, און האבן זיך געבעטן ביי אים בתחנונים אז ער זאל אראפגיין אונטן צום חצר, און פראבירן אפשטעלן רבי אליהו פון זיינע טענץ, און פועל'ן ביי אים אז ער זאל שוין צוריק אהיימגיין, וויבאלד ער איז שוין זייער אפגעשוואכט, און ער קען חלילה אנקומען צו א סכנה.

הערנדיג זייערע ווערטער, איז רבי אשר זעליג זצוק"ל גלייך אויפגעשטאנען, און איז גלייך אראפגעגאנגען די טרעפ וואס פירן אראפ צום חצר, און איז צוגעגאנגען גלייך צו רבי אליהו, קלאפנדיג אויף זיין פלייצע מיט ליבשאפט: רבי אליהו! – ס'זעט אויס אז דו האסט שוין יוצא געווען די עבודה פונעם היינטיגן טאג, בהידור רב! יעצט איז שוין געקומען די צייט צו טראכטן פון אהיימגיין!

צום וואונדער פון אלע פארזאמלטע, האט רבי אליהו אים געענטפערט, פארוואונדערט: וויאזוי קען איך דען פארלאזן דעם הייליגן ציון, ווען איך האב נאכנישט געזען רבי שמעון זי"ע?

האט אים רבי אשר זעליג זצוק"ל גלייך געענטפערט: דו ווייסט דאך אבער, אז רבי שמעון קען מען אויך זען אינדערהיים, און מ'דארף נישטווארטן אויף אים דווקא דא"!

ומי יבוא בסוד קדושים.

[קונטרס "טיב מירון"]

-> • <-

הגאון המפורסם רבי פנחס עפשטיין זצ"ל, דער ראב"ד פון עיר הקודש ירושלים תובב"א, האט זיך נישט געפירט צו פארן קיין מירון אום ל"ג בעומר. איין יאר האט ער געדארפט וויכטיג פארן אין דעם טאג צו א דארף אינעם גליל העליון, כדי דארט מסדר צו זיין די השגחה פארן ארטיגן בית השחיטה, אלס זיין אמט אינעם וועד הכשרות פונעם בית דין צדק.

מטעם העדה החרדית האט מען צוגעשטעלט פארן רב מיט זיינע באגלייטער, א ספעציעלן אויטא וואס זאל זיי פירן אהין און צוריק. ווען דער אראבישער דרייווער איז געקומען צום רב, צו באשטימען דעם סדר פון די נסיעה, האט ער געוואוסט אז אין דעם טאג נעמען זיך צוזאם פילע אידן אין מירון, און ער האט געמיינט אז אוודאי וועט דער גרויסער רב אויך וועלן אנקומען קיין מירון. האט ער אים געזאגט, אז ער פון זיין זייט איז גרייט צו קומען מארגן גלייך אינדערפרי, כדי מען זאל אניאגן אנצוקומען קיין מירון, ווייל פון יענעם דארף ביז קיין מירון איז נישט זייער ווייט.

האט רבי פינחס מורא געהאט, אז אויב וועט ער זאגן פארן אראבישן דרייווער אז ער וויל נישט פארן קיין מירון, קען עס זיין א חילול השם, וויבאלד דער גוי וועט נישט פארשטיין פארוואס דער רב דרייט זיך ארויס פון א נסיעה וואס אזויפיל אידן זענען אזוי מקפיד דערויף. דעריבער האט דער רב באשלאסן, אז וויבאלד ער גייט זיך געפינען אזוי נאנט צום הייליגן ארט, וועט ער שוין פארן אויך קיין מירון.

ווען דער רב איז אנגעקומען קיין מירון, איז ער אזוי באגייסטערט געווארן פון די געוואלדיגע התעוררות אויפן ארט, סיי פון די יום-כיפור'דיגע תפילות און בכיות אינעווייניג אינעם מערה, און סיי פון די שמחת תורה'דיגע טענץ אינעם חצר, אז ער האט זיך שפעטער אנגערופן צו זיינע מקורבים: נאכדעם וואס איך האב מיט די אייגענע אויגן געזען וויאזוי מירון זעט אויס אום ל"ג בעומר, וואלט איך זיך זייער געפריידט אז עס זאל זיך מיר מאכן יעדן יאר אזא געלעגנהייט!...

[מתוך קובץ שיחות "פרטיות" דף פ"ה]

-> • <-

מורינו הרב רבי אורי שיינבערגער זצ"ל, מיקירי קרתא דשופריא, פלעגט אסאך פארן אויף די קברי צדיקים און מקומות הקדושים, און האט זייער מקפיד געווען צו קומען יעדן יאר ל"ג בעומר קיין מירון! אויך ווען אזא נסיעה איז געווען געבינדן מיט גרויסע שוועריגקייטן, פלעגט ער פארן קיין מירון מיט מסירות נפש, און האט זיך געפריידט דארט צו באגעגענען די גרויסע תלמידי חכמים און צדיקים פונעם פריערדיגן דור, מיט וועמען ער איז געווען שטארק באפריינדעט און געבינדן. [ער האט אויך זייער מקפיד געווען נישט צו פארן אהין בחינם, נאר פאר די פולע פרייז! אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (ח"ב דף קכח ע"א), זע טיב המעשיות ח"ג (דף ל"ח)].

האט ער מיר דערציילט, אז איינמאל, זייענדיג ל"ג בעומר אין מירון, איז ער געגאנגען כאפן א קורצן דרימל אין איינע פון די צימערן אויפן ציון, און אט זעט ער אין חלום דעם צדיק רבי הירש לייב ליפל זצ"ל [דער רבי פון רבי שמואל שפירא זצ"ל, באוואוסטער מנהיג דחסידי ברסלב אין ירושלים], ווי ער טאנצט אינעם חצר המערה אנגעטון אין ווייסע קליידער!

דאס איז שוין געווען אסאך יארן נאך די פטירה פון רבי הירש לייב, און ער איז שוין לאנג געווען אויפן עולם האמת. רבי אורי איז שטארק דערציטערט געווארן, און האט אים געפרעגט מיט פחד: וויאזוי ביסטו אנגעקומען אהער? עס איז דאך שוין אסאך יארן פון דיין פטירה?

האט אים רבי הירש לייב געענטפערט: וויסן זאלסטו, אז ווער עס האט אכטונג געגעבן ביי זיין לעבן צו קומען אויפן יומא דהילולא צום הייליגן ציון פון רבי שמעון, דער איז זוכה אויך אויפן עולם העליון צו זיין ביי רבי שמעון! און וויסן זאלסטו אז אין דעם הייליגן טאג, איז דער הייליגער ארט פול מיט די נשמות הצדיקים פון אויבן, וואס קומען זיך צוזאם לכבוד די הילולא קדישא דבר יוחאי!!!

דאס אלעס האט מיר רבי אורי אליין שפעטער דערציילט!

[מתוך קובץ שיחות "כלליות" דף קכ"א]

-> • <-

הרב הקדוש בעל "אמרי אמת", דער גערער רבי זצוק"ל, איז אמאל אנגעקומען זיך משתטח זיין אין מירון ביים הייליגן ציון פון דער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א. ער איז צוגעגאנגען מיט שנעלע טריט, ווי דער שטייגער אין גער, און האט זיך פארזוימט פאר גאר א קורצע צייט ביים ציון, און נאכן בעטן א קורצע תפילה איז ער גלייך ארויסגעגאנגען פונעם מערה.

ארויסגייענדיג, האט ער באמערקט ווי די פארזאמלטע זענען פארוואונדערט פארוואס ער איז ארויסגעגאנגען גלייך נאכן אריינגיין... האט ער זיך געווענדן צו זיי און ערקלערט מיט זיין באוואוסטן חריפות, באגלייט מיט א הייליגן שמייכל: פון דא גייען מיר גלייך צו רבי שמעון אין די גמרא...

מיינענדיג דערמיט, אז דער עיקר התקשרות פון די נשמה מיטן תנא האלקי רשב"י זי"ע, דארף זיין דווקא דורכן לערנען די הייליגע גמרא! [זע אינעם הייליגן תניא, אגרת הקודש פרק כ"ו].

[קונטרס "טיב מירון"]


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב ת.נ.צ.ב.ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת מיתוג יח"צ וקידום מכירות 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173